# תורת יואל

גליון מס' 38

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

י.ז. הכהן: עורך

פרשת בהעלותך תשפ"ה


## וידבר ד' אל משה לאמר. אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות.

### רש"י: אל מול נר האמצעי, שאינו בקנים אלא בגוף של מנורה.

רש"י זאגט: אז די דריי רעכטע ליכט האבן די קנויטען זיך געבויגען און געשיינט צום מיטעלסטען ליכט, און אזוי אויך די דריי לינקע האבן זיך געבויגן און געשיינט צום מיטעלסטען ליכט

פרעגט דער רבי זי"ע, אויב אזוי, ווי רש"י זאגט אז די ליכט האבן געשיינט צום מיטעלסטען ליכט, דארף ווען שטיין **אל מול פני המנורה יאירו <u>ששת</u> הנרות**, ווייל נאר די 6 ליכט פון די צוויי זייטן האבן זיך געבויגען, דער מיטעלסטע ליכט איז דאך געבליבן שטיין גראד.

דער רבי ערוועוונט אויף די קשי', וואס אלע מפרשים פרעגן אויף וואס רש"י זאגט, **להגיד שבחו של אהרן שלא שינה**, אז אהרן הכהן האט גארנישט <u>משנה געווען</u>, ער האט געטוהן וואס דער אייבערשטער האט געהייסן. <u>היעלה על הדעת</u> ווער האט דען געקלערט אז אהרן הכהן וועט סיי וואס משנה זיין?

> **רביה"ק גייט אריין אין א לענגערע שמועס, וועגן חינוך הבנים, ווי וויכטיג ס'איז אנצוהייבן מחנך זיין די קינדער פון גאר קליין, און צו מחנך זיין די קינדער דארף מען אויך האבן אסאך געלט, צו קענען בויען ישיבות און תלמוד תורה'ס, אבער!!! דאס געלט מוז זיין כשר'ע געלטער, און קומען נאר פון ריינע מקורות, און אויב קומט די געלט פון נישט גוטע פלעצער, שאדט עס פארן חינוך.**

דער רבי ברענגט צו די גמרא אין מס' בבא בתרא (כה. ב) **אמר רבי יצחק הרוצה שיחכים ידרים ושיעשיר יצפין**, טייטש: אז איינער וויל קלוג ווערן בתורה, זאל ער זיך בייגען צו <u>דרום</u> זייט, און ווער ס'וויל רייך ווערן, זאל זיך בייגען צו <u>צפון</u>, און גיט א סימן **שלחן בצפון ומנורה בדרום**, דער שלחן איז א רמז אויף <u>געלט</u>, אין די מנורה איז מרמז אויף <u>חכמת התורה</u>.

ווען אהרן הכהן האט געצינדען די מנורה אויף דרום זייט, האט ער משפיע געווען **חכמת התורה**, און ווי געשמועסט פריער, צו לערנען דארף מען געלט אויך, וועגן דעם האט השי"ת צוגעזאגט, אז בשעת **הדלקת הנירות**, וואס איז געווענליך אויף <u>דרום</u>, **יאירו שבעת הנרות** וועט די מנורה אויך לייכטן אויף <u>צפון</u>, און די מנורה וועט אויך משפיע זיין שפע וברכה וואס ס'איז נויטיג צו די תורה.

במילא איז פארשטענדליך דער פסוק: **יאירו <u>שבעת</u> הנרות** ווייל אלע <u>זיבן</u> האבן געשיינט אויך אויף צפון זייט, און משפיע געווען סיי תורה און סיי שפע וברכה.

**אמנם**, זאגט דער הייליגער רבי זי"ע, קאָן דאך איינער טראכטען, אז אהרן הכהן זאל בשעת הדלקת הנירות אויף אינזינען האבן "צפון" כדי צו משפיע זיין גשמיות, אויף דעם

זאגט רש"י: ***להגיד שבחו של אהרן שלא שינה: ניין!!!*** אהרן הכהן איז נישט משנה, זיין תפקיד איז נאר דרום זייט צו משפיע זיין חכמת התורה, אבער די סגולת המנורה האט אינאיינוועגס אויך משפיע געווען אויף צפון.

רבינו הק' זי"ע, ענדיגט די תורה, מיט לענגערע דברי ברכה: **השי"ת יעזור**, די אלע וואס נעמען א חלק אין החזקת הישיבה און ת"ת, דער באשעפער זאל אויף זיי משפיע זיין תורה מיט עשירות ביינאזאם, **ונזכה שיתקדש שם שמים על ידינו**, און דער רבי דרוקט <u>שם שמים</u>, נישט וואס דער היינטיגער דור רופט <u>קידוש השם</u>, וואס איז גלייך צום דור הפלגה ווי ס'שטייט <u>נעשה לנו שם</u>, וואס איז באמת א חילול השם, במילא דארף מען מדגיש זיין <u>שם שמים</u>.

**ובמהרה נזכה כולנו יחד לקבל פני משיח צדקינו בקדושה וטהרה בנחת ובשמחה, ולראות בהתרוממת קרן התורה וישראל, ובהתגלות כבוד שמים עלינו במהרה בימינו אמן.**

(א' בהעלותך תש"כ - מסיבת למוסדות יטב לב)

## א בינטעל זכרונות

### הרה"ח ר' משה חיים קויפמאן ז"ל

**תרצ"ג**, רביה"ק פראוועט א שבת אין טעמעשוואר, אויף די איינלאדענונג פון די שטאט'ס לייט, וואס האבן געשיקט א מכובד'יגע הזמנה אז דער רבי זאל קומען אויף א שבת, און משפיע זיין אויף די שטאט תורה ויראת שמים, דער שבת איז געווען די איינציגסטע מאל וואס רביה"ק האט געפראוועט אין דעם שטאט.

אין טעמעשוואר האט געוואוינט א חשוב'ער בעל הבית הר"ר אשר זעליג קויפמאן ז"ל (בן הר"ר חיים יודא - א צאנזער חסיד) ר' אשר זעליג האט שוין געהאלטען עטליכע יאר נאך די חתונה, און געווארט אויף די ישועה געהאלפען צו ווערן בזש"ק.

**שבת פרשת בחקותי** ווען רביה"ק איז געווען אין שטאט, איז ר' אשר זעליג מיט זיין ווייב אריין צו רבי'ן מיט א קוויטל, און זייער געבעטן א ברכה אויף קינדער, רביה"ק האט זיי אנגעוואונטשען מיט א ווארעמע ברכה, **ברכת צדיק עושה רושם**, און צום יאר איז געבוירען זייער בן יחיד, אין א נאמען געגעבן משה חיים, (הרה"ח רבי משה חיים קויפמאן ז"ל איז באקאנט געווען פאר א איש מורא מעם, און איז נפטר געווארן פארגאנגענעם חודש טבת, זקן ושבע ימים).

שמועסענדיג מיט א אייניקל, **אברך יקר - עסקן תורני**, ר' מענדל קויפמאן הי"ו, פארציילט ער די המשך המעשה, ווי פאלגענד:

**תשכ"ח** האט דער זיידע ר' משה חיים מיט די באבע און 4 קינדער זיך ארויסגעשווערצט פון רומעניא, ווי ער איז געווען א שוחט פאר לאנגע יארן, און זיך באזעצט אין בני ברק, און ווייטער אנגעהאלטן מלאכת הזביחה, וואס האט געהייסן א מסודר'דיגע פרנסה.

**תשרי תשל"ד**, איז ר' משה חיים געקומען קיין נ.י. צום רביה"ק אויף די ימים נוראים, ביים שלום נעמען האט ער זיך פארגעשטעלט ווער ער איז, ווען מענס זוהן ער איז וכדו', דער רבי גיט א בליק, און זאגט: **איך ווייס איך ווייס.**

נאך די הייליגע טעג, האט דער רבי קודם אפגעזעגנט אלע אויסלענדישע געסט, פון א"י און אייראפע , ווען ר' משה חיים גייט דורך, גיט זיך דער רבי א שטעל אפ און זאגט: **דארט איז נישט גוט**, ר' מ.ח. הייבט אן טענה'נען אז ער האט שוין 8 קינדער, און מסודר מיט פרנסה וכדו', דער רבי גיט א בליק און זאגט נאכאמאל: דארט איז נישט גוט, וואס איז געווען א וואונדער, ווייל רביה"ק האט קיינמאל נישט געענטפערט אויף די סארט פראגעס: ווי מען זאל וואוינען, אדער זיך איבערציען קיין נ.י. פון די מרחקים וכדו'.

ר' משה חיים מיט זיין געוואלדיגע אמונה פשוטה און אמונת צדיקים, איז שוין נישט אהיים געפאהרען, און צוליב די אנגייענדיגע מלחמה (יו"כ מלחמה) האט גענומען עטליכע חדשים ביז די משפחה האט געקענט ארויסקומען.

און דאן האט מען געזען דעם רבי'נס לעכטיגע אויגען, ווייל די ציוניסטישע מיליטער האט געלאקערט אויף יעדן מעגליכען רעזערוויסט אריינצושלעפן אין די מלחמה, און געקומען זוכן ר' משה חיים אין שטוב עטליכע מאל, און בלייבענדיג אין נ.י. איז ער ניצל געווארן.

### מנהג: טלית מיוחד לשבת

מנהג
טעמו
ומקורו

**מקורו:** מנהגי מהרי"ל מובא במג"א, דער מהרי"ל האט געהאט א **טלית מיוחד לשבת**, און האט עס אליינס צוזאמענגעלייגט מוצ"ש, כדי זיך מתעסק זיין במצוה תיכף <u>בהתחלת ימי החול</u>, לפי דעם מהרי"ל, זאגט דער נימוקי או"ח, איז א ראי' אז צאמלייגען א טלית של מצוה נאכן דאווענען, איז אויך א מצוה.

אין קיצור השל"ה ברענגט בשם דער מהרי"ל אז מ'זאל צאמלייגען תיכף ביי **ויהי נועם**, כדי צו וויזן אז ביז איצט איז געווען <u>אסור במלאכה</u>, און פון יעצט און ווייטער איז <u>מותר במלאכה</u>, אבער אין ספר דרך החיים שטייט אז מ'זאל צאמלייגען הערשט נאך הבדלה